**וואקסין אינפארמאציע סטעיטמענט**

Many Vaccine Information Statements are available in Yiddish and other languages. See www.immunize.org/vis

פיל וואקסין אינפארמאציע סטעיטמענטס זענען אוועילעבל אין אידיש און אנדערע שפראכן. זעט www.immunize.org/vis

# אינפלוּענזא (פלוּ) וואקסין (אומאקטיוויזירט אדער ריקאַמבינענט): *וואס איר דארפט וויסן*

## 1. פארוואס צו וואקסינירט ווערן?

**דער אינפלוּענזא וואקסין** קען פארמיידן **אינפלוּענזא** (**די פלוּ**).

**די פלוּ** איז אן אנשטעקיגע קראנקהייט וואס פארשפרייט זיך ארום די פאראייניגטע שטאטן יעדעס יאר, געוועינטליך צווישן אקטאבער און מאי. יעדער איינער קען באקומען די פלוּ, אבער עס איז מער סכנות'דיג פאר געוויסע מענטשן. בעיביס און קליינע קינדער, מענטשן פון 65 יאר און עלטער, מענטשן וועלכע זענען טראגעדיג און מענטשן מיט געוויסע אנדערע געזונטהייט פראבלעמען אדער מיט אן אפגעשוואכטע אימיון סיסטעם זענען אין די גרעסטע סכנה פון פלוּ קאמפליקאציעס.

לונגען אנטצינדונג, אנטצינדונג פון די אטעם רערן (בראַנקייטיס), סייַנוס אינפעקציעס, און אויער אינפעקציעס זענען ביישפילן פון פלוּ-פארבינדענע קאמפליקאציעס. אויב איר האט אן אנדערע מעדיצינישע פראבלעם, אזוי ווי הארץ קראנקהייט, קענסער, אדער צוקער קראנקהייט, קען די פלוּ דאס פארערגערן.

פלוּ קען פאראורזאכן פיבער און טשילס, האלז ווייטאג, ווייטאגן אין די מוסקלען, פילן אויסגעמוטשעט, א הוסט, קאפווי', און א רונענדיגע אדער פארשטאפטע נאז. טייל מענטשן קענען אויך אויסברעכן און האבן א לויזע מאגן, כאטש וואס דאס געשעהט אפטער ביי קינדער ווי ביי ערוואקסענע.

אין א דורכשניטליכע יאר, **שטארבן טויזנטער מענטשן פון די פלוּ אין די פאראייניגטע שטאטן**, און פיל מער ווערן האספיטאליזירט. דער פלוּ וואקסין פארמיידט מיליאנען פון קראנקהייטן און פון פלוּ-פארבינדענע באזוכן צום דאקטאר יעדעס יאר.

## 2. אינפלוּענזא וואקסינען

די CDC רעקאמענדירט אז יעדער איינער פון 6 חודשים און עלטער זאל וואקסינירט ווערן יעדע פלוּ סעזאן. **קינדער פון 6 חודשים ביז 8 יאר אלט** דארפן צומאל 2 דאזעס דורכאויס איין פלוּ סעזאן. **אלע אנדערע** דארפן נאר 1 דאזע יעדע פלוּ סעזאן.

עס נעמט ארום 2 וואכן פאר די שוץ זיך צו אויפבויען נאכן וואקסינירט ווערן.

עס זענען דא פילע פלוּ ווירוסן, און זיי האלטן זיך אין איין טוישן. יעדעס יאר קומט ארויס א נייער פלוּ וואקסין צו באשיצן קעגן די אינפלוּענזא ווירוסן וועלכע זענען געגלויבט צו זיין מעגליך צו פאראורזאכן קראנקהייט אין די בעפארשטייענדע פלוּ סעזאן. אפילו ווען דער וואקסין שטימט נישט פונקטליך מיט די ווירוסן, גיבן זיי נאכאלץ אביסל שוץ.

דער אינפלוּענזא וואקסין **פאראורזאכט נישט די פלוּ**.

דער אינפלוּענזא וואקסין קען געגעבן ווערן אין דעם זעלבן צייט ווי אנדערע וואקסינען.

## 3. רעדט מיט אייער דאקטאר

זאגט פאר דער וואס גיבט דעם וואקסין אויב דער מענטש וואס באקומט דעם וואקסין:

- האט געהאט אן **אלערגישע רעאקציע נאך א פריערדיגע דאזע פונעם אינפלוּענזא וואקסין**, אדער אויב זיי האבן סיי וועלכע **ערנסטע, לעבנס-סכנות'דיגע אלערגיעס**
- האט אמאל געהאט **Guillain-Barré Syndrome (גיאַן בארעי סינדראם)** (ווערט אויך גערופן "GBS")

אין געוויסע פעלער, וועט אייער דאקטאר מעגליך באשלוסן צו אפשטופן אינפלוּענזא וואקסינאציע ביז א צוקונפטיגע באזוך.

דער אינפלוּענזא וואקסין קען געגעבן ווערן אין יעדע צייט דורכאויסן זיין טראגעדיג. מענטשן וועלכע זענען אדער וועלן זיין טראגעדיג דורכאויס די אינפלוּענזא סעזאן זאלן באקומען דעם אומאקטיוויזירטן (אינעקטיוועיטעד) אינפלוּענזא וואקסין.

מענטשן וואס פילן זיך מילד נישט גוט, ווי צום ביישפיל א פארקילעכץ, קענען וואקסינירט ווערן. מענטשן וועלכע זענען מיטלמעסיג אדער ערנסט קראנק זאלן געווענטליך ווארטן ביז זיי ערהוילן זיך בעפארן באקומען דעם אינפלוּענזא וואקסין.

אייער דאקטאר קען אייך גיבן מער אינפארמאציע.

U.S. Department of Health and Human Services
Centers for Disease Control and Prevention

## 4. סכנות פון א רעאקציע צום וואקסין

- ווייטאג, רויטליכקייט, און א געשווילעכץ אויפן פלאץ וואו די איינשפריץ איז געגעבן געווארן, פיבער, ווייטאגן אין די מוסקל, און קאפווי קענען געשעהן נאכן באקומען דעם אינפלוענזא וואקסין.
- עס קענען מעגליך זיין קליינע אויסיכטן פון א סכנה פון Guillain-Barré Syndrome (GBS) (גיאַן בארעי סינדראם) נאכן באקומען דעם אומאקטיוויזירטן אינפלוענזא וואקסין (די פלו שאָט).

קליינע קינדער וועלכע באקומען די פלו שאָט צוזאמען מיט דעם pneumococcal וואקסין (PCV13) און/אדער DTaP וואקסין אין דעם זעלבן צייט קענען האבן עטוואס העכערע אויסיכטן פון א סיזשער פאראורזאכט צוליב א פיבער. זאגט פאר אייער דאקטאר אויב א קינד וואס גייט באקומען דעם פלו וואקסין האט אמאל געהאט א סיזשער.

מענשטן חלש'ן צומאל נאך מעדיצינישע פראצעדורן, ארייגרעכענענדיג וואקסינאציע. זאגט פאר אייער דאקטאר אויב איר באקומט א שווינדל אדער אויב אייער זעהונג טוישט זיך אדער אויב איר הערט קלינגען אין די אויערן.

פונקט ווי מיט סיי וועלכע מעדיצין, זענען דא גאר קליינע אויסיכטן אז א וואקסין זאל פאראורזאכן א שווערע אלערגישע רעאקציע, אן אנדערע ערנסטע שעדיגונג, אדער טויט.

## 5. וואס אויב עס געשעהט אן ערנסטן פראבלעם?

אן אלערגישע רעאקציע קען פארקומען נאכדעם וואס דער מענטש וואס האט באקומען דעם וואקסין פארלאזט די קליניק. אויב איר זעהט סימנים פון אן ערנסטע אלערגישע רעאקציע (אויסשלאגן, אן אויפגעשוואלענע פנים און האלז, שוועריגקייטן צו אטעמען, א שנעלע הארץ קלאפ, א שווינדל אדער שוואכקייט), רופט **9-1-1** און נעמט דעם מענטש צו די נאענסטע שפיטאל.

פאר אנדערע סימנים וואס באזארגן אייך, רופט אייער דאקטאר.

אומגעוואונטשענע רעאקציעס זאלן באריכטעט ווערן צו דעם Vaccine Adverse Event Reporting System (VAERS) (וואקסין אומגעוואונטשענע אינצידענטן באריכטונג סיסטעם). אייער דאקטאר וועט געווענטליך זיין דער וואס וועט אריינגעבן דעם באריכט, אדער קענט איר דאס אליין טוהן. באזוכט די VAERS וועבזייטל אויף [www.vaers.hhs.gov](http://www.vaers.hhs.gov) אדער רופט **1-800-822-7967**. *VAERS איז געווידמעט נאר צו באריכטן רעאקציעס, און VAERS שטאב מיטגלידער גיבן נישט קיינע מעדיצינישע עצות.*

## 6. דער נאציאנאלע וואקסין שאדן פארגוטיגונג פראגראם

דער National Vaccine Injury Compensation Program (VICP) (נאציאנאלע וואקסין שאדן פארגוטיגונג פראגראם) איז א פעדעראלער פראגראם וואס איז אוועקגעשטעלט געווארן צו פארגוטיגן מענטשן וועלכע זענען מעגליך געשעדיגט געווארן דורך געוויסע וואקסינען. קלעימס אין פארבינדונג מיט אנגעבליכע שאדן אדער טויט צוליב א וואקסינאציע האבן א באגרעניצטע צייט צו אריינגעגעבן ווערן - קענענדיג זיין אזוי קורץ ווי צוויי יאר. באזוכט די VICP וועבזייטל אויף [www.hrsa.gov/vaccinecompensation](http://www.hrsa.gov/vaccinecompensation) אדער רופט **1-800-338-2382** צו לערנען מער איבער דעם פראגראם און איבער וויאזוי אריינצוגעבן א קלעים.

## 7. וויאזוי קען איך געוואויר ווערן מער?

- פרעגט אייער דאקטאר.
- רופט אייער לאקאלע אדער סטעיט העלט דעפארטמענט.
- באזוכט די וועבזייטל פון די Food and Drug Administration (FDA) (עסן און דראג אדמיניסטראציע) פאר די אינפארמאציע צעטלעך וואס קומען מיט די וואקסין פעקלעך און פאר נאך אינפארמאציע אויף [www.fda.gov/vaccines-blood-biologics/vaccines](http://www.fda.gov/vaccines-blood-biologics/vaccines).
- פארבינדט אייך מיט די Centers for Disease Control and Prevention (CDC) (צענטערס פאר קראנקהייט קאנטראל און פארמיידונג):
  - רופט **1-800-232-4636 (1-800-CDC-INFO)** אדער
  - באזוכט די CDC'ס וועבזייטל אויף [www.cdc.gov/flu](http://www.cdc.gov/flu).

Yiddish translation provided by Immunize.org